# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויגש

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2022 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## ויגש

ותחי רוח יעקב אביהם - לעבן און אָטעמען מיט אמונה 24 שעה אַ טאָג.....................ב
עוד יוסף חי - זיך שטאַרקן מיט גדרים פון קדושה ........................................ג
אשר מכרתם אותי - ישר כח פאַר'ן מיך פאַרקויפן, די נסיונות האָבן מיך דערהויבן ........................ ח
בכה על צוואריו - אחדות און שלום איז משפיע פרנסה בריווח מיט שפע עד בלי די ....................יא

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# ויגש

**ותחי רוח יעקב אביהם - לעבן און אָטעמען מיט אמונה 24 שעה אַ טאָג**

'ויגידו לו לאמור עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, ויפג לבו כי לא האמין להם'. וידברו אליו את כל דברי יוסף אשר דיבר אליהם, וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו, ותחי רוח יעקב אביהם' (מה, כו-כז). זאָגט רש"י: 'ויפג לבו - נחלף לבו והלך מלהאמין'. יעקב'ס האַרץ האָט זיך אַזוי ווי 'פאַרטוישט', און עס איז 'אַוועקגעגאַנגען' פון גלייבן זייערע רייד, אַז יוסף לעבט.

**דער** רמב"ן שרייבט נאָך מער: 'ויפג לבו' - זיין האַרץ איז געוואָרן אויס, און זיין אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, די באַוועגונג פון זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער איז געוואָרן ווי טויט רח"ל.

**שרייבט** דער רמב"ן, עס איז באַקאַנט אַז אַזוי פּאַסירט ווען עס קומט פלוצלינג אַ פרייליכקייט אויפ'ן מענטש. אַזוי אויך ווערט עס דערמאַנט אין די מעדיצינישע ביכער, אַז אַלטע און שוואַכע מענטשן, קענען נישט איבערטראָגן ווען עס קומט פלוצלינג אַ פרייליכע בשורה, אזש אַז אַסאַך מענטש חלש'ן אין אַזאַ מצב... און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'כי לא האמין להם' - יעקב אבינו ע"ה האָט נישט געגלייבט זייערע רייד.

**אַזוי** איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט אינעם טאָג, וואָס יעקב איז געלעגן און געשוויגן, ווייל ער האָט נישט געגלייבט זייער געשיכטע. וואָס האָבן זיי געטוהן? זאָגט דער פסוק, 'וידברו אליו את כל דברי יוסף אשר דיבר אליהם, וירא את העגלות'. זיי האָבן אַריינגעשריגן אין יעקב'ס אויערן אַלע ווערטער וואָס יוסף האָט געזאָגט זיי זאָלן עס איבערגעבן פאַר יעקב, און זיי האָבן איהם אויך געוויזן די וועגענער. דאַן האָט יעקב צוריק באַקומען דעם אָטעם, און ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן לעבעדיג, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'ותחי רוח יעקב אביהם', עכ"ל הרמב"ן ז"ל.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב יעקב האָט גע'חלש'ט פון זייער בשורה, איז דאָך פון דעם אַ ראיה אַז ער האָט יאָ געגלייבט זייערע ווערטער, ווייל אויב נישט, וואָלט ער דאָך נישט גע'חלש'ט...

**ענטפערט** הגה"צ רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, אַז יעקב האָט אַוודאי געגלייבט און געוויסט אַז זיי זאָגן דעם אמת, נאָר דער באַדייט פון 'גלייבן' איז, אַז דאָס וואָס דער מענטש הערט, טוט זיך גוט 'אַריינזעצן' אין האַרץ פונעם מענטש. אָבער דאָס האַרץ פון יעקב איז נישט געווען גענוג ברייט דאָס צו מקבל זיין, עס האָט נישט געהאַט אַ 'כלי קיבול' וואָס זאָל זיין גענוג גרויס, אַז ער זאָל קענען אָננעמען זייערע ווערטער. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'כי לא האמין להם'. נאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די זעלבע ווערטער, האָבן זייערע ווערטער אַריינגעדרינגען אין יעקב'ס האַרץ, און ער איז געוואָרן דערמונטערט: 'ותחי רוח יעקב אביהם'. ('געברענגט אין ספר 'שיח יצחק')

**לענינינו**, ווען עס קומט צו אמונה, גלייבן אין דעם אויבערשטען, איז נישט אין גדר פון 'אמונה', כל זמן ווי דער מענטש האָט נאָר סתם אַ 'ידיעה' אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די וועלט. נאָר נאָך דעם ווי די ווערטער גייען אַריין אין האַרץ און ווערן דאָרט גוט 'אַריינגעזעצט', קען מען עס אָנרופן 'אמונה'[א]. דאָס הייסט, מצד זיין נאַטור, זעהט דער

**א.** דער 'חזון איש' זצ"ל האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'מעשה איש', ח"א, ע' רפ) אויף דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין דער גמרא (ברכות ה:) אַז רב הונא האָט געהאַט אַ שאָדן ווען עס זענען געוואָרן זויער ביי איהם פיר הונדערט פעסער וויין. דער שאָדן איז געווען גאָר אַ גרויסע סומע. ווען די חכמים זענען געקומען איהם טרייסטן אויף זיין שאָדן, האָבן זיי איהם פאָרגעשלאָגן ער זאָל נאָכקוקן זיינע מעשים, צו פאַרשטיין פאַרוואָס עס איז איהם געקומען אַזאַ האַרבע שטראָף פון הימל...

רב הונא האָט טאַקע געטראָפן אַ 'פגם' אין זיינע אייגענע מעשים, און נאָך דעם ווי ער האָט מתקן געווען דעם פגם, איז דאָס עסיג צוריק איבערגעדרייט געוואָרן צו וויין (אָדער דער פרייז פון עסיג איז געשטיגן פילפאַכיג). האָט דער 'חזון

מענטש אַלע זאַכן פון דער וועלט, אַזוי ווי עס איז איינגעקריצט געוואָרן אין זיין מח פון דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן. עס איז דאָ אַ 'טבע' אויף דער וועלט, און אַלעם ווערט געפירט לויט די דאָזיגע 'טבע'. דער מענטש דאַרף אָבער שטאַרק האָרעווען זיך איינצוחזר'ן אַז 'אין עוד מלבדו', און אַז אַלעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, איז פריער אויסגערופן געוואָרן אין הימל. דורך דעם וואָס דער מענטש טוט איינחזר'ן די ידיעה, קען ער 'לעבן' מיט אַ קלאָרע אמונה[ב], און דאָס ווערט אָנגערופן 'אמונה שלימה'[ג].

**עוד יוסף חי - זיך שטאַרקן מיט גדרים פון קדושה**

**אין** דער היינטיגער סדרה לערנען מיר, אַז די שבטים האָבן געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, יוסף לעבט נאָך, און ער הערשט איבער דעם גאַנצן לאַנד מצרים, אָבער ער האָט זיי נישט געגלייבט... ביז ער האָט געזעהן די וועגענער וואָס יוסף האָט איהם געשיקט, און ערשט דאַן האָט אויפגעלעבט רוח יעקב אביהם.

**זאָגט** דער גאון רבי יוסף נחמיה קאָרניצער זצ"ל אב"ד קראָקא, פּרעה האָט געזאָגט צו יוסף (פסוק יט): 'ואתה צויתי זאת עשו קחו לכם מארץ מצרים עגלות לטפכם ולנשיכם'. לכאורה וואָלט ער געדאַרפט זאָגן 'קחו לכם עגלות ובואו הנה', פאַרוואָס האָט ער צוגעלייגט די ווערטער 'לטפכם ולנשיכם'?

**ענטפערט** הג"ר יוסף נחמיה, לויט ווי זיין זיידע, דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל, זאָגט ('תורת משה', פרשת נצבים) אויפ'ן פסוק (דברים כט, ט) 'אתם נצבים

---

איש געלערנט פון דעם, אַז די הייליגע חז"ל האָבן נישט גערעדט סתם שמועסן פון אמונה, נאָר זיי האָבן געלעבט מיט אַ שטאַרקע אמונה, גלייך ווי זיי זעהען מיט זייערע אייגענע אויגן די הנהגה פון דעם אויבערשטען, און וועגן דעם האָבן זיי איהם נישט געפרעגט אַפילו איין סעקונדע, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווייל אויב זיי וואָלטן אַזוי געפרעגט, וואָלט עס אויסגעזעהן גלייך ווי ס'איז געווען אין די הענט פון אַ בשר ודם צו פאַרמיידן דעם שאָדן דורך דעם וואָס מ'וואָלט נישט געטוהן די זאַך וואָס האָט געמאַכט דעם שאָדן. און וועגן דעם האָבן זיי נישט געפרעגט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט 'פּאַקטיש', ווייל מיט זייער אמונה האָבן זיי געזעהן אַז דאָס איז נישט געקומען צוליב עפּעס אַ גשמיות'דיגע סיבה, נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן. דעריבער האָבן זיי קודם געפרעגט 'פאַרוואָס' דער אויבערשטער האָט אַזוי געטוהן. זיי האָבן איהם געזאָגט: 'לעיין מר במיליה' - דו זאָלסט נאָכקוקן דיינע מעשים, וועסטו שוין ממילא פאַרשטיין פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט אַז דו זאָלסט האָבן אַ געלט שאָדן.

**ב.** דער של"ה הקדוש שרייבט ('שער האותיות', אות א) בזה הלשון: 'ווען אַ מענטש שטייט אויף פון זיין בעט, זאָל ער נישט טוהן קיין שום געשעפט אויף דער וועלט, און ער זאָל נישט רעדן אַפילו איין וואָרט, נאָר ער זאָל טראַכטן פון דעם באַשעפער פון דער וועלט ברוך הוא, מיט אַ מחשבה אַז ער איז דער 'אחד יחיד ומיוחד'. און ער זאָל טראַכטן אַז ער איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און ער זאָל קוקן אויף די הימל און אויף דער ערד, און טראַכטן אין האַרץ דעם פסוק (ישעיה מ, כו) שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה'. און אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אַ 'יש מאין', ממש פון גאָרנישט. ער זאָל אויך טראַכטן פון דעם פסוק (תהלים קד, כו) 'מה רבו מעשיך ה' וגו', און דאַן וועט ער ווערן פול מיט יראה פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא און ער וועט אויך אַריינעמען אין האַרץ אַ ליבשאַפט צו דעם אויבערשטען, און צו וועלן זיך מדבק זיין אין באַשעפער כביכול, און נאָכ'ן טראַכטן די אַלע מחשבות, זאָל ער אָנהייבן די ברכה ברוך אתה ה', עכ"ל. אַוודאי איז דאָס אַ הויכע מדריגה, אַזוי צו טוהן באַלד ווען מען שטייט אויף פון שלאָף, אָבער אויך דער וואָס קען עס נישט טוהן דעמאָלס, זאָל כאָטש אַזוי טוהן אין די אַנדערע שעה'ן פון טאָג.. (אַזוי ווערט אויך געברענגט אין 'תניא' פרק מב).

**ג.** די גמרא זאָגט (מכות כד.) 'בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה'. דאָס הייסט, אַז אמונה איז דאָס חיות פונעם מענטש. קען מען זאָגן, אַז פונקט אַזוי ווי דער קערפּער פון אַ מענטש איז אָנגעוויזן אויף זיין אָטעם. דער אָטעם איז אַנדערש ווי עסן און טרינקען, כאָטש וואָס אויך עסן איז אַ זאַך אויף וועלכן עס הענגט דעם מענטשן'ס לעבן, נאָר ס'איז גענוג אַביסל דערפון - עטליכע מאָל אַ טאָג. אָבער אויב דער מענטש וועט אָטעמען בלויז אַ פּאָר מאָל אַ טאָג, וועט מען קענען אויסרופן אויף איהם, 'פנו מקום לגן עדן'... ווייל דער מענטש קען נישט לעבן אָן אָטעמען יעדע מינוט. דאָס זעלבע איז מיט אמונה, 'וצדיק באמונתו יחיה' - מ'דאַרף 'לעבן' מיט אמונה 24 שעה אין מעת לעת.

היום כולכם לפני ה' אלוקיכם כל איש ישראל טפכם נשיכם' וגו'. דער פסוק האַקט איבער מיט 'טפכם' צווישן 'כל איש ישראל' און 'נשיכם', ווייל ווען אידן קומען זיך צוזאַמען פאַר משה רבינו ע"ה, איז כדי זיי זאָלן נישט חלילה נכשל ווערן מיט תערובות אנשים ונשים צוזאַמען, האָט מען געשטעלט די קינדער ('טפכם') צווישן די מענער און די פרויען, זיי זאָלן דינען ווי אַ 'מחיצה' צווישן זיי... צוליב צניעות, עיי"ש.

זאָגט רבי יוסף נחמיה, יוסף הצדיק, כאָטש ער איז געווען גאַנץ אין יעדע מדה און מעלה פון צדקות און חסידות און פרישות, אָבער מער ווי אַלעס, איז ער געווען גרויס אין זיין מדה, די הייליגע מדה פון 'יסוד יוסף'[ד]. זיין קדושה מיט'ן זיך אָפּשיידן איז געווען גאָר גרויס[ה]. ממילא, איז נישט קיין ספק אַז זיין קדושה האָט געמאַכט אַ רושם אויך אויף דעם פאָלק ביי וועלכן יוסף האָט גערוהט, ווייל דעם צדיק'ס וואוינען אויף אַן

**ד.** דער ספר 'החינוך' שרייבט (מצוה שפז), בזה הלשון: וויסן זאָלסטו מיין קינד, אַז חז"ל זאָגן (אבות פ"ד, מ"ה) 'עבירה גוררת עבירה ומצוה גוררת מצוה'. אויב דו וועסט צולייגן דיין קאָפּ צו ערפילן דיין שלעכטע גליסטונג איין מאָל, וועסטו שוין נאָכגעצויגן ווערן מערערע מאָל, און אויב דו וועסט זוכה זיין צו זיין אַ גיבור אויף דער וועלט, איינצוהאַלטן דיין יצר און פאַרמאַכן די אויגן פון זעהן שלעכטס אַפילו נאָר איין מאָל, וועט עס דיר זיין פיל לייכטער אַזוי צו טוהן אַסאַך מאָל, ווייל די תאווה ציהט צו דעם מענטש אַזוי ווי דער ווין ציהט אַריין זיינע טרינקער אין שיכרות, ווייל די מענטשן וואָס זויפן, ווערן קיינמאָל נישט זאַט מיט ווין, נאָר זיי גליסטן דערצו גאָר שטאַרק, און לויט זייער געוואוינהייט דערין, אַזוי שטאַרקט זיך אויף זיי די תאווה. אויב זיי זאָלן טרינקען דאָרט אַ גלאָז וואַסער, וועט דער פייער פון דעם ווין אויסוועפן, און עס וועט זיי זיין זיס. דאָס זעלבע איז ברוחניות, יעדער מענטש ווען ער געוואוינט זיך צו מיט תאוות און ער ליגט אין זיי, שטאַרקט זיך אויף איהם זיין יצר הרע טאָג-טעגליך, און ווען ער האַלט זיך צוריק פון זיי וועט ער זיך שטענדיג פרייען מיט זיין חלק, און ער וועט איינזעהן אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דעם מענטש אויף אַ גראָדן אופן, נאָר 'המה ביקשו חשבונות רבים', אָן שום תועלת, עכ"ד.

לויט דעם, טייטשן די ספרים בדרך רמז, דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (מה, א) 'ולא יכול יוסף להתאפק' וגו'. 'ולא' - אויב דער מענטש שטאַרקט זיך איינמאָל אויף זיין יצר, צו זאָגן 'ניין!' ווען ער פרובירט איהם איבערצורעדן צו טוהן אַן עבירה ח"ו. 'יכול יוסף להתאפק' - וועט ער זיך שוין אַסאַך מאָל ('יוסף' פון לשון פאַרמערן) קענען איינהאַלטן פון די עבירה, ווייל ווען דער מענטש טוט ביישטיין דעם נסיון, ברענגט עס נאָך זיך נאָך רוחניות'דיגע כוחות, צו פאַרלייכטערן די שווערע נסיונות וואָס טוהען זיך כסדר באַנייען און פרובירן אַריינצוכאַפּן דעם מענטש אינעם נעץ פונעם יצר.

**ה.** רעדנדיג וועגן די מדה פון יוסף הצדיק, 'צדיק יסוד עולם', איז כדאי צו ברענגען דאָ די ווערטער פון הייליגן 'בת עין' זי"ע (פ' במדבר), אַז די הויפּט הכנה צו דערגרייכן די מדריגות פון קדושה, איז אמונה און בטחון.

דערמיט טייטשט דער 'בת עין' בדרך רמז, אַ טעם פאַרוואָס מ'האָט אויסגעקליבן די אותיות ב', ט' און ח' צו זיין אויף די מדה פון בטחון, און נישט אַנדערע אותיות, ווייל דער 'מילוי' פון די אותיות 'בטח' איז דאָך י"ת (ב'ית, ט'ית, ח'ית), וואָס באַטרעפט 410, אַזוי ווי 'קדוש'. דאָס איז אַ רמז, אַז דער 'אָנהייב' פון די קדושה איז דורך 'בטח'ון.

זאָגט דער 'בית עין' ווייטער, אַז די משמעות פון וואָרט 'בטחון' איז אויך פאַרדעקן, [פון לשון פונעם פסוק (תהלים נא, ח) 'הן אמת חפצת בטוחות', וואָס די כוונה דערפון איז אויף די נירן וואָס זענען צוגעדעקט מיט פעטס], ווייל עס איז אַ 'כיסוי' און אַ 'טאַש' פאַר די בחינה פון קדושה (דאָס הייסט, אַז דער בטחון פאַרדעקט די אותיות וואָס זענען פאַרהוילן, י"ת, וואָס זענען מרמז אויף 'קדוש', ווי געזאָגט פריער). מ'קען נישט אַריינקומען אין די בחינה פון קדושה, נאָר אויב מ'קומט ערשט אַריין אין דעם 'כיסוי', וואָס איז די מדה פון בטחון.

לענינינו, דער יצר הרע שטאַרקט זיך גאָר שטאַרק צו מכשל דעם מענטש, ער זאָל זיך 'מורה היתר' זיין און אויפרייסן די גדרים פון קדושה מיט די טענה פון פרנסה... מיר דאַרפן אַפילו נישט מאריך זיין אַרומצורעדן ברייטער די טענות פונעם יצר, ווייל יעדער איינער ווייסט עס אַליין...

אַמערגסטן איז נאָך די קללה פון לעצטן דור, מיט די כלים וואָס זענען ליידער משחית יעדן גוטן חלק רח"ל מיט'ן תירוץ פון אַ 'צורך פרנסה'. אויף דעם זאָגט מען צו יעדן איינעם פון אונז, שטאַרק זיך מיט בטחון, און

זאָלסט נישט חושש זיין אַז אויב דו וועסט ביישטיין פעלזן פעסט מיט אַלע גדרים און סייגים וואָס די חכמי הדור האָבן באַשטימט, וועט מיין פרנסה ליידן אַ שאָדן ח"ו. זאָלסט אויך נישט זאָגן, איך מוז דאָך גיין צו אַן אָרט וואָס איז נישט 'כשר' בתכלית, כדי צו קויפן עפּעס ביליגער און שפּאָרן געלט, איך זאָל עס נישט דאַרפן קויפן פאַר אַ מער טייערן פרייז אין אַ מהודר'דיגן אָרט... און ענליכע טענות, נאָר מ'דאַרף האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען, וואָס ער איז דער 'זן ומפרנס מקרני ראמים ועד ביצי כינים', און ער איז 'מכין מזון לכל בריותיו', ער קען זיך 'אַן עצה געבן' דיר צו געבן פרנסה, אויך אויב דו וועסט זיך פירן בקדושה...

אדרבה, דאָס אָפּהיטן די גדרים און סייגים איז דער מקור פון די ברכה, און דורך זיי געפינט דער מענטש חן אין די אויגן פון באַשעפער, ער זאָל משפיע זיין אויף איהם פרנסה בהרחבה, מיט פולע הויפנס.

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל המעשה, אַ איד וואָס וואוינט אין לעיקוואוד, וועלכער איז ברוך השם געבענטשט געוואָרן מיט אַ ברכה פון הימל, ער האָט פרנסה בריווח, פירנדיג אַ גרויסן 'אָפיס', וואָס קויפט און פאַרקויפט הייזער (ריעל עסטעיט' בלע"ז), וואו עס אַרבעטן אַסאַך היימישע פרויען. אין אַ געוויסן טאָג, האָט דער איד באַקומען אַ טעלעפאָן רוף פון איינע פון די אַרבעטער, וועלכע האָט געוואָלט מברר זיין, היות זי האָט באַקומען פון איהם אַן 'אימעיל', וואו ער בעט איר אַריבערצופירן נישט וויינינגער ווי זיבעציג טויזנט דאָלאַר צו אַ געוויסע באַנק-קאָנטע, בעט זי דעריבער אַ טעלעפאָנישע באַשטעטיגונג פון איהם, איידער זי פירט אַריבער דאָס געלט צו יענע קאָנטע.

דער איד איז געווען ערשטוינט צו הערן די ווערטער פון די פרוי, וויסנדיג אַז ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעשיקט אַזאַ 'אימעיל', אַז מ'זאָל אַריבערפירן זיבעציג טויזנט דאָלאַר צו אַ געוויסע קאָנטע... צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ גנב האָט זיך 'אַריינגעבראָכן' אין זיין 'אימעיל', און יענער האָט געשיקט דעם 'אימעיל' אין זיין נאָמען, אַז מ'זאָל אַריבערפירן דאָס געלט צו זיין (דעם גנב'ס) באַנק-קאָנטע... עס האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גנב האָט 'נאָכגעפאָלגט' דעם סטיל פון דעם איד'ס שרייבן, מיט אַלע פּרטים, און אַזוי האָט ער היינט געקענט 'באַפעלן' מ'זאָל אַריבערפירן די זיבעציג טויזנט דאָלאַר...

נאָך דעם ווי דער באַלעבאָס האָט זיך 'באַרואיגט' פון דער בהלה, און פון דער צווייטער זייט, פון די פרייד אַז ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ נישט קליינעם 'לאָך', האָט ער געפרעגט די פרוי וואָס אַרבעט ביי איהם, פאַרוואָס זי האָט עפּעס פונקט היינט באַשלאָסן איהם איבערצופרעגן וועגן דאָס אַריבערפירן דאס געלט, לויט ווי עס האָט אויסגעזעהן אויבנאויף, איז ער טאַקע געווען דער וואָס האָט געשריבן דעם 'אימעיל', און עס איז נישט געווען דאָ קיין אָרט פאַר ספיקות... האָט די פרוי געענטפערט, וויבאַלד דער בעה"ב האָט איינגעפירט אין דעם אָפיס, אַז דאָ רופט מען נישט קיין פרויען ביי זייערע ערשטע נעמען - נישט 'בכתב', און נישט 'בעל פה'... אָבער דער היינטיגער 'אימעיל', איז געשריבן געוואָרן צו איר 'פּערזענליך', מיט איר ערשטן נאָמען (דער איינציגער 'טעות' וואָס דער גנב האָט דאָ געמאַכט...), און פון דעם האָט זי געהאַט דעם חשש אַז עפּעס 'טויג דאָ נישט', און ס'איז אַלזאָ כדאי זיך צו פאַרבינדן מיט איהם, און איבערפרעגן צי ער האָט טאַקע באַפוילן אַריבערצושיקן דאָס געלט צו יענע באַנק-קאָנטע.

עס איז באַקאַנט די ווערטער פון רש"י (אָנהייב פרשת וישב), אויפ'ן פסוק 'וישב יעקב', אַז דער מענטש וואָס זיינע קעמלען זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז זייענדיג אָנגעלאָדנט מיט פלאַקס, האָט דער 'פּחמי' זיך געוואונדערט, ווי אַזוי וועט אַריינגיין דער גאַנצער 'טראַנספּאָרט' מיט פלאַקס, אין דעם הויז. איז דאָרט געווען אַ קלוגער מענטש, וואָס האָט איהם געענטפערט, אַז איין פונק וועט אַרויסגיין פון דיין האַמער וואָס וועט פאַרברענען דעם גאַנצן טראַנספּאָרט מיט פלאַקס. דאָס זעלבע ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַלע 'אלופי עשו' וואָס ווערן דערמאַנט ביים סוף פון פרשת וישלח, האָט ער זיך געוואונדערט, ווער וועט זיי אַלע קענען איינעמען? אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'אלה תולדות יעקב יוסף', 'והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש'. איין פונק וועט אַרויסגיין פון יוסף און עס וועט פאַרברענען אַלע 'אלופים' פון עשו, עכ"ל רש"י.

פרעגן די מפרשים, וואָס איז געווען די גרויסע 'קלוגשאַפט' אין דעם ענטפער וואָס ער האָט געגעבן, אַז איין פונק וועט אַרויסגיין פון דיין האַמער און פאַרברענען די גאַנצע פלאַקס. יעדעס קינד ווייסט, אַז פלאַקס איז אַ זאַך וואָס ווערט שנעל פאַרברענט. אויב אַזוי, פאַרוואָס באַצייכנט איהם רש"י מיט דעם וואונדערליכן טיטול, 'פּקח'... אויך איז שווער, דער 'פּקח' האָט לכאורה נישט געענטפערט 'ממין הטענה', ווייל דער 'פּחמי' האָט געפרעגט, וואו וועט 'אַריינגיין' די גאַנצע פלאַקס, און אויף דעם האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַז ער קען פאַרברענען די פלאַקס...

איז דער תירוץ, אַז די טיפקייט פונעם פיקח איז טאַקע געווען דאָס, אַז דער יצר הרע, דער 'שר של עשו', לייגט אונטער גאַנצע פעקלעך 'פלאַקס', ער פרובירט ווייזן פאַר דעם מענטש אַ 'באַרג' מיט גאָלד און זילבער, און אַנדערע נידעריגע תאוות, צוזאָגנדיג איהם אַז ער וועט עס קענען באַקומען אויב ער וועט איהם פאָלגן. דער מענטש שטייט און פרעגט, וואָס זאָל איך טאַקע טוהן, אויב איך וועל נישט פאָלגן דעם יצר, נאָר דעם באַשעפער, וועל איך חלילה 'שאָדן האָבן' די גאַנצע 'פלאַקס'... אויף דעם האָט דער 'פיקח' געעפנט זיינע אויגן און איהם געוויזן, אַז דאָ איז גאָרנישט דאָ... ס'איז נישט מער ווי שטרוי און היי... איין 'פונק' גייט אַרויס פון יוסף הצדיק, דאָס הייסט, איין זיך געבן א שטאַרק אין ענינים פון קדושה, וועסטו שוין געוואויר ווערן אַז אַלעס איז 'פאַרברענט' געוואָרן און פאַרשוואונדן, ווייל עס איז געווען סתם דמיונות, אַריינצוואוואַרפן דעם מענטש אין אַ פינצטערן גרוב, חלילה...

מ'קען עס ערקלערן מיט אַ משל, אַ מענטש גייט ביים ברעג ים, דאָרט וואו עס שטייען אַלע מענטשן וואָס ווילן זיך 'לערנען' פאַנגען פיש, און זיך אויסלערנען די 'סודות' פון דעם פאַך פון די פאַנגער. דאָרט האָט דער מענטש באַמערקט אַן 'עקספערט', וועלכער האָט אויפגעהאָנגען אַ זייגער אויפ'ן שפיץ פון דעם שטעקן מיט וועלכן ער כאַפּט די פיש. האָט דער גאַסט געפרעגט דעם עקספערט, פאַרוואָס ער הענגט אויף אַ זייגער אויפ'ן שטעקן. האָט ער איהם געענטפערט, אַז דעם 'סוד' געבט ער נישט אַרויס אומזיסט... ער האָט אַריינגעלייגט - האָט ער געזאָגט - אַ סאַך צייט און כוחות זיך אויסצולערנען דעם 'פאַטענט'... אויב דו ווילסט לערנען די גאַנצע תורה 'אויף איין פוס', דאַרפסטו מיר באַצאָלן דערפאַר נישט ווייניגער ווי טויזנט דאָלאַר, וואָס איז ערשט אַ קלענער טייל פון דעם וואָס עס האָט מיך געקאָסט זיך צו לערנען דעם פאַך. האָט דער גאַסט אַרויסגענומען דאָס געלט פון טאַש און איהם באַצאָלט, נישט ווייניגער ווי טויזנט דאָלאַר.

האָט דער עקספערט איהם געזאָגט, אַז נאָך אַ לענגערע צייט האָבן מיר אין אַכט גענומען אַז די פיש אין ים רוקן זייערע אויגן דאָ און דאָרט יעדע סעקונדע, אַרויף, אַראָפּ, צו מזרח, צו מערב, צו צפון, און צו דרום... זיי רוהען ממש נישט אַ מינוט. נאָך לאַנגע 'חקירות ודרישות' זענען מיר געקומען צו די מסקנה, אַז די נאַטור פון פיש איז, אַז זיי ווילן זייער שטאַרק וויסן ווי שפּעט ס'איז, און זיי זוכן שטענדיג נאָך אַ 'זייגער'... ווענן דעם האָב איך אויפגעהאָנגען אויף מיין שטעקן אַ גרויסן זייגער, און באַלד נאָך דעם ווי איך וואַרף עס אַריין אין וואַסער, נעמען זיך צוזאַמען אַלע פיש אַרום די 'נעץ', כדי צו וויסן די גענויע צייט. אַזוי קען איך זיי צוציהען און אַריינכאַפּן אין מיין נעץ...

דער גאַסט איז געווען ערשטוינט צו הערן אַזאַ 'נייעס'. האָט ער געפרעגט דעם פיש-כאַפּער, וויפיל פיש האָסטו שוין באַוויזן צו פאַנגען היינט מיט דעם 'פאַטענט'? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט שוין 'אַריינגעכאַפּט' היינט אַכט 'פיש', און דו ביזט דער אַכטער...

דער נמשל איז, דער יצר הרע צילט אַריינצוכאַפּן דעם מענטש אין זיין נעץ, און ער פאַרדרייט איהם אַ קאָפּ מיט פאַרשידענע 'מעשיות' און טענות, גלייך ווי ער האָט עפּעס אַ 'פאַטענט' ווי אַזוי מ'קען פאַרדינען אַסאַך געלט. באמת איז עס אָבער נישט מער ווי אַ בלאָף, ס'איז נישט דאָ אַ 'פיש פאַנגעריי', נאָר אַ 'מענטשן-פאַנגעריי'... אַזוי כאַפּט דער יצר נעבעך אַריין די מענטשן אין זיין פינצטערער נעץ.

הרה"ק רבי יחיאל פון מוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין 'תורת אבות', טהרת המידות, אות מ"ה), אַז פונקט ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פז, י) אַז די פרוי פון פוטיפר האָט געזאָגט צו יוסף הצדיק, 'חותכת אני פרנסה שלך' - איך וועל אַראָפּשניידן דיין פרנסה, אויב דו וועסט מיך פאָלגן. אַזוי האָט יעדער מענטש אַ נסיון, דאָס הייסט, זיין יצר הרע שטאַרקט זיך מיט אַזעלכע סאָרטן 'טענות', אַז אויב ער וועט איהם נישט פאָלגן, וועט ער 'שניידן' פון זיין פרנסה, און ווען ער שטאַרקט זיך אויף איהם, זעהט ער אַז אַלעס איז 'אין ואפס' - גאָרנישט מיט גאָרנישט...

מ'דערציילט, אַז דער הייליגער גאון ישראל דער ש"ך ז"ל, איז נאָך דער חתונה געזעסן על התורה ועל העבודה, זיצנדיג אויף 'קעסט' ביים שווער, ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן. ווען עס האָט זיך געענדיגט די תקופה פון די 'קעסט', האָט זיין שווער איהם געגעבן אַ סכום געלט און געזאָגט, אַז ס'איז געקומען די צייט ער זאָל אַהיימברענגען פרנסה. מיט'ן געלט וואָס ער גיט איהם, זאָל ער אַרויסגיין האַנדלען אויפ'ן מאַרק. דער ש"ך איז טאַקע אַרויס אויפ'ן מאַרק, און געהאַנדלט, איינגעקויפט סחורה מיט'ן געלט, און ער האָט עס דערנאָך פאַרקויפט, פאַרדינענדיג גאָר שיין דערביי. באַלד דערנאָך, האָט ער זיך צוריקגעזעצט לערנען.

אָרט לאָזט איבער אַ צייכן פון קדושה אויף יענעם אָרט, אויף אַזוי ווייט, אַז אַפילו פרעה האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען אַז די ברידער פון יוסף הצדיק זענען אוודאי זייער שטאַרק אָפּגעהיטן פון יעדן ענין פון תערובות, און עס איז מיאוס פאַר זיי צו קומען און פאָרן מענער און פרויען צוזאַמען. דעריבער האָט ער באַפוילן צו נעמען וועגענער 'לכם לטפכם ולנשיכם', דאָס הייסט, וועגענער וואָס זענען ספּעציעל געמאַכט געוואָרן אויף אַן אופן אַז די קינדער זאָלן אָפּטיילן צווישן די מענער און די פרויען.

**דעריבער**, ווען די הייליגע שבטים זענען געקומען און דערציילט פאַר יעקב 'עוד יוסף חי' - אַז כאָטש יוסף איז געווען אין מצרים, ערות הארץ, צווישן די ערגסטע עלעמענטן, פונדעסטוועגן -'חי'- לעבט ער נאָך אַלץ מיט זיין אמונה, און די מדה פון 'יסוד יוסף' איז נישט נפגם געוואָרן חלילה אויך אין מצרים, און נישט נאָר דאָס, נאָר 'וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים', ער געוועלטיגט מיט זיין קדושה אויף גאַנץ מצרים, אַז אויך דאָס פאָלק דאָרט זאָל באַקומען אַ גוטן רושם פון יוסף'ס קדושה און טהרה. און אזאנס איז עס געווען

---

דאָס קומענדיגע יאָר, האָט זיין שווער איהם נאָך אַמאָל געזאָגט ער זאָל אַרויסגיין האַנדלען אויפ'ן מאַרק, מיט די טענה, כ'זעה דאָך אַז וואָס דו טוסט האָסטו הצלחה דערין. ממילא, פונקט ווי פאַריאָר, זאָלסטו יעצט אויך היינט אַרויסגיין האַנדלען, און דו וועסט שיין פאַרדינען... האָט דער ש"ך ז"ל געענטפערט צום שווער: 'וויסן זאָלט איר, אַז די גאַנצע הצלחה וואָס איך האָב געהאַט פאַריאָר, איז געווען נישט אַנדערש ווי אַ 'מעשה שטן', וואָס ער האָט מיך געוואָלט אַריינפירן אין דעם עולם המסחר, כדי מיך צו שטערן פון לערנען. דעריבער האָט ער מיר געהאָלפן צו פאַרדינען שיין געלט, כדי דורך דעם זאָל איך אַריינגעצויגן ווערן אין די געשעפטן, און נאָך דעם ווי זיין פּלאַן וועט איהם געלונגען און כ'וועל אויפהערן לערנען, וועט ער צונעמען מיין גאַנצן פאַרמעגן...

מיט דעם האָט דער ש"ך געטייטשט דעם פסוק ביי שירת הים (שמות טו, ט) 'אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל, תמלאמו נפשי, אריק חרבי תורישמו ידי'. 'אמר אויב' - דער יצר הרע, זאָגט: 'ארדוף', איך וועל נאָכיאָגן דעם מענטש ביז 'אשיג', איך וועל איהם דערגרייכן. ווי אַזוי וועל איך איהם דערגרייכן? 'אחלק שלל' - איך וועל איהם געבן אַ גרויסע הצלחה אין זיינע מסחרים, ביז ער וועט אַליין אַריינפאַלן 'ראשו ורובו' אין די תאוה פון געלט, און ער וועט איבערלאָזן דאָס לערנען, און דאַן וועט ער שוין זיין אין רשות פונעם יצר, 'תמלאמו נפשי', און צום סוף: 'אריק חרבי תורישמו ידי', אַז ער וועט אַוועקנעמען פון איהם דאָס גאַנצע געלט ביז ער וועט ווערן פאַראָרימט ח"ו, און אַרויסגיין 'קרח מכאן ומכאן'. ער וועט נישט האָבן, נישט געלט, און נישט תורה... און דער ש"ך האָט אויסגעפירט: 'איך וועל איהם אבער איבערקליגן, דורך דעם וואָס איך וועל אויפהערן נאָכצולויפן דאָס געלט נאָך מיין ערשטע הצלחה, און ממילא, וועל איך האָב תורה וגדולה במקום אחד'...

ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה (מז, יב) לייענען מיר: 'ויכלכל יוסף את אביו ואת אחיו ואת כל בית אביו לחם לפי הטף'. ווייטער זאָגט דער פסוק (שם טו-יז) 'ויבואו כל מצרים אל יוסף לאמור הבה לנו לחם וגו', ויתן להם יוסף לחם בסוסים ובמקנה הבקר ובחמורים, וינהלם בלחם'.

פרעגט דער גאון רבי זלמן סאַראָצקין זצ"ל, לוצקער רב (אין זיין ספר 'אזנים לתורה'), פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַן אַנדער לשון, ביי יעקב און די שבטים שטייט 'ויכלכל יוסף', אָבער ביי די מצריים, זאָגט דער פסוק, 'וינהלם בלחם'.

ענטפערט רבי זלמן סאַראָצקין, די אידן זענען אַן 'עם קשי עורף' (צום גוטן), און זיי פאַרקויפן נישט זייערע נשמות און זייער תורה פאַר אַ שטיקל ברויט. וועגן דעם קען מען נישט זאָגן וועגן יעקב און די שבטים אַז יוסף האָט זיי 'געפירט' מיט'ן ברויט (אַזוי ווי עס שטייט ביי די מצריים, 'וינהלם בלחם'), נאָר 'ויכלכל', ער האָט זיי 'געשפייזט'. מה שאין כן די גוים, זענען גרייט צו פאַרקויפן זייער גאַנצן מהות און אויפפירונג פאַר אַ שטיקל ברויט, ספּעציעל אין די יאָרן פון הונגער, אַזוי ווי עשו הרשע, וועלכער האָט פאַרקויפט די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. אַזוי געפינען מיר ביי די מצריים זעלבסט, אַז אין די הונגער יאָרן האָבן זיי זיך גע'מל'עט (רש"י, בראשית מא, לג), כאָטש זיי האָבן דאָס קיינמאָל נישט צוגעזעהן אָדער געהערט ביי זייערע עלטערן, זיי זאָלן זיך לאָזן מל'ען פאַר אַ שטיקל ברויט. ממילא, איז שייך צו זאָגן וועגן זיי, 'וינהלם בלחם' - יוסף האָט זיי 'געפירט' מיט'ן ברויט וואָס ער האָט זיי געגעבן צו עסן.

די זעלבע איז מיט אונז, מיר דאַרפן אכטונג געבן זיך נישט לאָזן 'פירן' פונעם יצר הרע ווען עס האַנדלט זיך אין ברויט, און אין פרנסה...

שווער פאַר יעקב אבינו ע"ה צו גלייבן, אַז ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך אין מצרים, דאָס לאַנד וואָס ווערט אָנגערופן 'ערות הארץ'. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט געזעהן די וועגענער וואָס יוסף האָט געשיקט, אַז זיי זענען אויסגעשטעלט על טהרת הצניעות והפרישות, ווי עס פאַסט פאַר די קינדער פון יעקב אבינו ע"ה, עס זאָל זיין אַ הפסקה און אַ 'מחיצה' צווישן די מענער און פרויען, 'ותחי רוח יעקב אביהם' - האָט זיין גייסט אויפגעלעבט, ווייל פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען אַז באמת איז 'עוד יוסף חי', די הייליגע מדה פון 'יסוד' יוסף, געוועלטיגט טאַקע אין מצרים[ו], עכ"ל.

**אשר מכרתם אותי - ישר כח פאַר'ן מיך פאַרקויפן, די נסיונות האָבן מיך דערהויבן**

**אין** דער היינטיגער סדרה (מה, ג-ד) לייענען מיר: 'ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו'. זאָגט דער 'שפת אמת' (שנת תרל"ו, תרמ"ג), די שבטים האָבן זיך דערשראָקן ווען זיי האָבן געזעהן אויף יוסף'ס פנים אַ מורא'דיגע קדושה, וואָס ער האָט קונה געווען ווען ער איז געווען אין גלות מצרים. פון דעם האָבן זיי זיך אַזוי געשעמט, אַז אויב ער האָט געקענט שטייגן אַזוי הויך אין מצרים - 'ערוות הארץ', איז דאָך אַוודאי געוויס אַז ער וואָלט פילפאַכיג געשטיגן אויב ער וואָלט געבליבן אין הויז פון יעקב אבינו ע"ה. אויף דעם האָט יוסף זיי געזאָגט, 'אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה'. 'אשר' [פון לשון 'יישר כוח', ווי חז"ל דרש'ענען (שבת פז.) 'אשר שברת - יישר כוחך ששברת']. ישר כח אַז איר האָט מיר פאַרקויפט! טאַקע דערפאַר ווייל איך בין געווען אין די טומאה פון 'ערוות הארץ', וואו איך האָב געהאַט שוועריגקייטן און נסיונות[ז], האָב איך געקענט שטייגן העכער און העכער אין די מדריגות פון קדושה[ח], מער ווי אויב איך וואָלט זיך געפונען נעבן אונזער הייליגן פאָטער יעקב[ט].

**ו.** עס האָט דערציילט אַ חשוב'ער מרביץ תורה שליט"א, אַז ער פאָרט איינמאָל אין אַ פּאָר וואָכן קיין אייראָפּע, צו געבן דאָרט אַ שיעור אין אַ געוויסן 'כולל'. ער פּרובירט יעדעס מאָל צו פאָרן מיט פלי-פירמעס וואָס פאָרן מיט פאַרעלטערטע עראָפּלאַנען, וואו ס'זענען נאָך נישט דאָ די 'סקרינס', ביי די זיץ-פלעצער. ווען עס מאַכט זיך אָבער אַז ער איז געצוואונגען (צוליב די שעה'ן פון די רייזעס) צו פאָרן מיט אַ נייערן עראָפּלאַן, באַמיט ער זיך צו פליען בייטאָג, וויבאַלד דעמאָלס איז איהם לייכטער צו זיין אַריינגעטוהן אין לערנען, נישט צו זעהן וואָס עס קומט פאָר אַרום און אַרום, מה שאין כן אין די נאַכט-שטונדן, וואָס דאַן איהם שווער זיך אַריינצוטוהן אין לערנען, און עס הערשט מער אַ סכנה ח"ו.

דערציילט ער, אַז איינמאָל ווינטער שנת תשפ"ב, איז ער געווען געצוואונגען צו פאָרן אין די נאַכט-שטונדן מיט אַ נייעם עראָפּלאַן, און ער האָט געהאַט גרויס צער דערפון וואָס ער דאַרף זיך געפינען עטליכע שעה אין דער זוהמא פון מצרים רח"ל. ער האָט זיך דעריבער שטאַרק באַמיט צו טוישן זיין 'טיקעט' אויף אַ רייזע וואָס פאָרט שפּעטער נאכמיטאג, און ער האָט מיטגענומען מיט זיך 'צידה לדרך', פאַר אַ 'שעת הדחק', אַ 'שלאָף פּיל' ('סליפּינג פּיל' בלע"ז), און שטאָפּער פאַר די אויערן, און אַ צודעק פאַר די אויגן, כדי ער זאָל קענען שלאָפן טיפער.

איידער ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן עראָפּלאַן, האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, און אַנדערש ווי זיין געוואוינהייט, האָט ער זיך גוט אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער, ער זאָל טוהן מיט איהם אַ נס, אַז עס זאָלן זיך נישט געפינען אַקטיווע 'סקרינס', נישט ביי זיין אָרט, און נישט פאָרנט פון די אַרומיגע זיץ-פלעצער...

ארויפקומענדיג אוי'ן פליגער האָט ער באַקומען אַ זיץ צווישן צוויי גוים, וועלכע האָבן זיך באַלד געוואָלט 'אָנזעטיגן' מיט אַלע סאָרטן תועבות, אָבער ווען זיי האָבן פּרובירט עפענען זייערע 'סקרינס', האָבן זיי בשום אופן נישט געקענט עס אָנצינדן... מ'האָט גערופן די 'סטואַרדס', אָבער אויך זיי האָבן נאָכ'ן פּרובירן פאַררעכטן די סקרינס, געמוזט מודה זיין אַז עפּעס האָט דאָ פּאַסירט...

זאָגט ער, וואונדער איבער וואונדער: אויף דעם גאַנצן עראָפּלאַן, האָבן אַלע 'סקרינס' געאַרבעט, 'ווי קיינמאָל גאָרנישט'... נאָר ביי די צוויי פּלעצער אַרום איהם, און ביי די זיץ-ערטער פאָרנט פון זיין זיץ, האָבן די 'סקרינס' נישט געאַרבעט...

יאָ! ווייל דאס איז דער כח פון תפילה, ספּעציעל ווען דער מענטש בעט דעם אויבערשטען ער זאָל איהם אָפּהיטן פון אַ שווערן נסיון...

**ז.** די גמרא זאָגט (שבת כב:) אַז דער 'נר מערבי', וואָס איז געשטאַנען אין די מנורה, האָט געדינט אַלס אַ סימן אַז די שכינה רוהט צווישן אידן. ווייל מ'האָט אַריינגעלייגט דערין די זעלבע מאָס אויל ווי אין די אַנדערע לעכט,

'תכתב זאת לדור אחרון'. מיר, מיט אונזערע נסיונות, עס גאָר אַ גרויסע חשיבות, ווי ס'איז באַקאַנט די קשיא
אויב מ'שטאַרקט זיך אויף די נסיונות, האָט פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל ('תורת משה', פ' ויחי,

---

און מ'האָט צוערשט אָנגעצונדען דעם 'נר מערבי', און עס האָט פונדעסטוועגן געברענט אַ גאַנצן טאָג ביז מאָרגן.

וועגן דעם עצם אָרט וואו דער 'נר מערבי' איז געשטאַנען, זענען דאָ צוויי שיטות (רש"י, שבת, כב:). לויט איין שיטה, איז די מנורה געשטאַנען צווישן מזרח זייט און מערב זייט, און דאָס צווייטע לעכטל פון מזרח-זייט (די דרויסנדיגע זייט) ווערט אָנגערופן 'נר מערבי'.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ווערט עס אָנגערופן 'נר מערבי'? עס איז דאָך נישט געווען אינגאַנצןביים עק צו מערב-זייט. עס וואָלט געווען מער פאַסיג צו באַצייכענען אַלס 'מערבי', דאָס לעצטע לעכטל וואָס איז געשטאַנען ביי מערב-זייט (וואָס איז די נענטסטע צום קודש הקדשים), און פאַרוואָס האָט דאָס צווייטע לעכטל זוכה געווען צו די גרויסע קדושה, און צו זיין דער וואָס זאָגט עדות אַז די שכינה רוהט צווישן די אידן?

איז דער תירוץ, אַז דאָ לערנען מיר, מ'זאָל נישט זאָגן אַז די שכינה רוהט דווקא ביי אַ מענטש וואָס איז מושלם מיט אַלע מעלות פון קדושה, נאָר אויך דער וואָס דערנענטערט זיך אַפילו אַביסל. ער איז אַריין אין גרעניץ פון דער קדושה אַפילו מיט אַ 'משהו', איז ער אַזוי חשוב, אַז ער איז זוכה צו זיין דער 'נר מערבי'. וועגן דעם איז דער ערשטער דרויסנדיגער לעכט, וואָס ער איז 'געבליבן שטיין' אינדרויסן און האָט גאָרנישט געטוהן, האָט ער נישט קיין חשיבות, נאָר דאָס צווייטע לעכטל, וואָס איז 'אַריינגעקומען' אפילו מיט אַ משהו, ער האָט געשטעלט אַפילו 'איין טריט' צו מערב זייט, איז ער זוכה אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם...

לענינינו, קען מען זאָגן, געוועגליך ווייסט מען אַז דער חשוב'ער טיטול 'נר מערבי', איז 'רעזערווירט' נאָר פאַר גדולי הדור... דאָ זעהען מיר אָבער אַ חידוש, אַז אַפילו אנשים כערכינו, קענען זוכה זיין צו דעם טיטול, אויב מ'דערנענטערט זיך אַפילו אַביסל צו די גרעניצן פון קדושה, ווייל יעדעס ביסל וואָס דער מענטש איז מקריב פון זיך, און ער האַלט זיך צוריק פון פאָלגן דעם יצר הרע, האָט אַ גרויסע חשיבות, וואָס מ'קען עס נישט משיג זיין מיט'ן מענטשליכן שכל.

**ח.** אַזוי טייטשט דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל, בדרך רמז, די ווערטער פון רש"י ז"ל (אָנהייב פרשת וישב), 'ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף'. יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט זיצן במנוחת הנפש, כדי ער זאָל קענען דינען דעם אויבערשטען מיט הרחבת הדעת מתוך רוב טובה. נאָר 'קפץ עליו רוגזו של יוסף'. דאָס הייסט, ווען יעקב האָט געזעהן אַז יוסף הצדיק איז געשטיגן צו גאָר הויכע מדריגות דורך דעם וואָס ער איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות און ער האָט געשטאַרקט דעם יצר טוב אויפ'ן יצר הרע, האָט יעקב מער נישט געבעטן פאַר זיך מנוחה און שלוה, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער בעסטער וועג צו דינען דעם אויבערשטען, איז דייקא ווען מ'טוט ביישטיין די נסיונות.

**ט.** דער הייליגער 'חפץ חיים' זצ"ל, האָט געזאָגט אַ מורא'דיג וואָרט פאַר אַ גרופּע בחורים וואָס זענען געקומען קיין ראַדין צו איהם אויף ראש השנה. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיט איהם מוצאי יום טוב, האָט דער 'חפץ חיים' זיי געזאָגט אויף די ווערטער פונעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מה, כח) יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט, 'עוד יוסף בני חי, אלכה ואראנו בטרם אמות'. דער מענטש באַקומט אַן אָרט אויף דעם עולם העליון, לויט די נסיונות וואָס ער האָט געהאַט אויף דער וועלט. האָט יעקב געטראַכט ביי זיך, אַז ער וועט אַוודאי נישט זוכה זיין צו זעהן זיין זון יוסף אין גן עדן, וויבאַלד יוסף האָט געהאַט אַסאַך גרעסערע נסיונות ווי ער. ממילא, וועט דאָך יוסף זיך געפינען אין גן עדן אויף אַ פיל העכער אָרט ווי ער, יעקב... וועגן דעם האָט יעקב געהאַט אַ השתוקקות צו זעהן יוסף'ן כאָטש אויף דער וועלט... איידער ער, וועט פאַרלאָזן די וועלט -'בטרם אמות'...

און דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צו די בחורים, אַז ער דאַנקט זיי פאַר דעם וואָס זיי זענען געווען ביי איהם ראש השנה, און האָבן איהם געגעבן דעם זכות צו זעהן זייער פנים. 'כאָטש איך האָב אויך געהאַט פאַרשידענע נסיונות אויף וועלכע איך האָב זיך געדאַרפט שטאַרקן, אָבער איר גייט אַדורך אַסאַך שווערע נסיונות, און איך ווייס נישט אויב כ'וועל וועל זוכה זיין אייך צו זעהן אויף יענער וועלט... צוליב דעם פריי איך זיך, אייך צו זעהן איידער כ'וועל פאַרלאָזן דעם עולם השפל... (מפי הגאון רבי שמואל בירנבוים זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין אַמעריקע).

**י.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, זאָגט (שביעי של פסח, ד"ה 'כתר') וועגן די גרויסקייט פון די לעצטע דורות, על דרך משל, די מענטשן וואָס אַרבעטן טיף אונטער דער ערד, אויסצוגראָבן פון דאָרט טייערע

ד"ה 'ויהיו ימי יעקב'), אויף די ווערטער פון רש"י (מה, יד) אַז אין דער צייט ווען יוסף און בנימין האָבן זיך דערקענט, האָט איינער געוויינט אויפ'ן האַלדז פון צווייטן. יעדער איינער פון זיי האָט געוויינט אויף דעם בית המקדש וואָס איז געבויט געוואָרן אין דעם חלק פון זיין ברודער און עס וועט חרוב ווערן.

**פרעגט** דער 'חתם סופר', לויט'ן חשבון איז דאָך יענער טאָג געווען שבת (ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פצ"ב, ד) אַז דער פסוק 'וטבוח טבח והכן' איז געזאָגט געוואָרן ערב שבת. יוסף האָט באַפוילן צוצוגרייטן אַ שבת'דיגע סעודה פאַר די שבטים). **אויב** אַזוי, ווי אַזוי האָבן יוסף און בנימין געמעגט וויינען און האָבן צער שבת קודש (עי' שו"ע או"ח סי' רפ"ח, ס"ב, ובט"ז שם).

**ענטפערן** די ספרים, אַז דעמאָלס האָבן די צוויי הייליגע ברידער יוסף און בנימין געזעהן ברוח הקודש, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און אַז אויך נאָך שווערע צוויי טויזנט יאָר אין גלות וועלן אידן זיך נאָך אַלץ מחזק זיין מיט מסירות נפש צו דינען דעם אויבערשטען מיט אמונה און בטחון אין דעם באַשעפער. זיי וועלן ביישטיין שווערע נסיונות פאַר דעם אויבערשטען'ס ליבן נאָמען. וועגן דעם האָבן זיי געוויינט איינער אויפ'ן צווייטן'ס האַלדז מיט אַ בכיה של שמחה, אויף די עבודה פון אידן, אַפילו אין אַזאַ מצב... אַזאַ געוויין איז מותר, אויך אין דעם הייליגן טאָג פון שבת (ווי דער 'טורי זהב' זאָגט, סי' רפ"ח דאָרט)[יא].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'עבודת יששכר' (וואלבראז, בסוף הספר, באמרי נועם שם), אַז דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע פלעגט זאָגן, אַז יעצט ווען אַ שניידער רופט אויס 'שמע ישראל', טוט ער ממש אַלעס וואָס רבי

---

דיאַמאַנטן און בריליאַנטן. ווי באַקאַנט, איז די לופט דאָרט זייער שטיקיג, און די מינע-אַרבעטער געפינען זיך אין אַ גרויסע געפאַר. מ'קען דאָרט אַראָפּשיקן נאָר פשוט'ע אָרימע מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרלירן... אָבער דווקא דורך זיי, ווערט פאַרטיג די קעניגליכע קרוין. זיי נעמען אַרויס די טייערע בריליאַנטן, און פוצן עס אָפּ אויף אַ הערליך-שיינעם אופן, און פון זיי ווערן די בריליאַנטן שפּעטער אַרויפגעלייגט אויף דער קרוין פונעם קעניג.

דער נמשל איז, אין די לעצטע דורות, ווען עס הערשט אַזאַ שטאַרקע פינצטערניש אויף דער וועלט, 'ואפילו גדולי ארץ שהיו בדורות הקודמין לא היו יכולין לעמוד בפני האויר הטמא' - אַפילו די גדולי ישראל וואָס זענען געווען אין די פריערדיגע דורות, וואָלטן נישט געקענט ביישטיין די טמא'נע לופט. אָבער דייקא דורך אונז ווערט פאַרטיג די 'קייזערליכע קרוין', ווייל ס'איז מער באַליבט פאַר דעם אויבערשטען, די זאַכן וואָס קומען אָן שווער, און אין צייט פון אַ נסיון און הסתר.

ענליך האָט געזאָגט הגה"ח רבי גד'ל אייזער זצ"ל, אַ משל: אַ מענטש גייט צו נאָענט צום קעניג, און ער דריקט אויס פאַר איהם זיין שטאַרקע ליבשאַפט צו איהם, און אַז פון זיין גרויסע ליבשאַפט צו איהם, וויל ער איהם באַדינען. זאָל דער קעניג איהם זאָגן וואָס ער דאַרף האָבן, און ער וועט עס טוהן. האָט דער קעניג איהם געענטפערט, 'איך דאַרף נישט האָבן סאָלדאַטן אָדער גענעראַלן... פון דעם האָב איך גענוג, ממש אַזוי ווי זאַמד ביים ברעג ים. איך דאַרף האָבן איינעם וואָס זאָל היטן מיין הויז, ער זאָל זיין גרייט אַפילו צו גיין אין בלאָטע אַרום דאָס הויז, און זיין פאַרזינקען דערין ביז די קני'...

דער נמשל איז, דאָס איז דער נסיון פון אונז אינעם לעצטן דור. דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן אַריינגיין אין די 'בלאָטע', און דייקא פון דאָרט זאָלן מיר איהם דינען און טוהן זיין רצון, מיט אַלע שוועריגקייטן וואָס מיר האָבן אין היינטיגן דור...

**יא.** וועגן די חשיבות פון ביישטיין די נסיונות, זאָגן די ספרים על דרך מליצה, אויף די ווערטער פון רש"י אין דער היינטיגער פרשה (מו, ב) 'ויאמר יעקב יעקב ויאמר הנני'. זאָגט רש"י, 'יעקב יעקב, לשון חיבה'. איז שווער, 'ישראל' איז דאָך אַ העכערע מדריגה ווי 'יעקב', ווי ס'איז באַקאַנט אַז ווען אידן דינען דעם אויבערשטען ווערן זיי אָנגערופן 'ישראל', און ווען זיי טוהען נישט דעם רצון פון באַשעפער, ווערן זיי גערופן 'יעקב'.

אויב אַזוי איז שווער, אויב דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין ליבשאַפט פאַר יעקב, וואָלט ער לכאורה געדאַרפט זאָגן 'ישראל, ישראל'.

איז דער תירוץ, על דרך משל, אַ קעניג איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין אַרמיי אין אַ מלחמה. אינמיטן די קאַמפן, האָט איינער פון די סאָלדאַטן באַמערקט ווי דער שונא דערנענטערט זיך צום קעניג און גרייט זיך איהם צו שעדיגן.

עקיבא האָט געטוהן ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם, 'ויצאה נשמתו באחד'[יב].

**בכה על צוואריו - אחדות און שלום איז משפיע פרנסה בריווח מיט שפע עד בלי די**

**אין** דער היינטיגער פרשה (מה, יד) לייענען מיר: 'ויפול על צווארי בנימין אחיו ויבך, ובנימין בכה על צוואריו'. זאָגט רש"י, אַז יוסף האָט געוויינט ווייל ער האָט געזעהן אַז די צוויי בתי המקדש וואָס וועלן זיין אין דעם חלק פון בנימין, וועלן חרוב ווערן, און בנימין האָט געוויינט אויף דעם משכן שילה, וואָס וועט זיין אין דעם חלק פון יוסף, און עס וועט אויך חרוב ווערן.

**פרעגט** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע ('דברי ישראל', פרשתינו, ד"ה 'מאא"ז'), צי איז דען אַזוי דער שטייגער, ווען צוויי ברידער באַגעגענען זיך נאָך לאַנגע יאָרן וואָס זיי האָבן זיך נישט געטראָפן, צו

---

האָט דער סאָלדאַט געקעמפט בלוטיג, ביז ער האָט באַוויזן צו ראַטעווען דאָס לעבן פונעם קעניג. אין לויף פונעם שווערן שלאַכט, איז דאָס העמדל פון דעם סאָלדאַט פאַרשמירט געוואָרן מיט בלוט. ווען מ'איז צוריקגעקומען אין קעניגליכן פאַלאַץ, האָט דער קעניג באַפוילן צו רופן דעם סאָלדאַט, און ער האָט איהם אויפגעהויבן העכער פון אַלע מיניסטאָרן, איהם שענקענדיג אַ גאָלדן העמדל, און דאָס פאַרבלוטיגטע העמדל פונעם סאָלדאַט, האָט ער באַפוילן אויפצוהענגען אין זיין קעניגליכן פאַלאַץ. ביי יעדער געלעגנהייט, האָט דער קעניג זיך זייער שטאַרק געפרייט מיט דעם פאַרבלוטיגטן העמדל, און אַרויסגעוויזן דערצו די גרעסטע מאָס ליבשאַפט. די ליבשאַפט פונעם סאָלדאַט פאַר'ן קעניג, ווערט נישט אויסגעדרוקט אין דעם גאָלדענעם העמדל וואָס ער טראָגט יעצט, נאָר אין דעם העמדל וואָס איז פאַרבלוטיגט.

דער נמשל איז פשוט: די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער, קומט נאָר פון די מלחמה אין די נידעריגע צייטן, וואָס ווערן אָנגערופן "יעקב", און נישט אין די לעכטיגע צייטן, ווען ער ווערט אָנגערופן 'ישראל'.

**יב.** אַזוי זאָגט דער 'בני יששכר' (כסלו, מאמר ד', אות סו בהג"ה) אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ('ועל הניסים') 'עמדת להם בעת צרתם', לויט ווי דער אריז"ל שרייבט ('שער הגלגולים, סב:) אַז אין די היינטיגע צייטן ווען די סטרא אחרא פרובירט זיך צו שטאַרקן אויף אידישע קינדער, דאָס ביסל מעשים טובים וואָס מיר טוהען יעצט, איז חשוב אין הימל אַזוי ווי אַסאַך וואָס די תנאים האָבן געטוהן אין זייער צייט. אויף דעם זאָגן מיר: 'עמדת להם' - דער אויבערשטער איז בייגעשטאַנען פאַר די אידן, און ער האָט מלמד זכות געווען אויף זיי, אַז זיי געפינען זיך 'בעת צרתם'. דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס די אידן האָבן ווייניג מעשים טובים, איז דערפאַר ווייל 'בעת צרתם' - די סטרא אחרא שטאַרקט זיך אויף זיי, און דאָס ביסל מעשים טובים וואָס מ'איז מקיים היינטיגע צייטן, ווערט גערעכנט אַזוי ווי אַסאַך וואָס מ'טוט אין אַ צייט ווען אידן זענען ברום המעלה.

ממילא, דאַרף דער מענטש וואָס איז חלילה אין אַן 'עת צרה' וויסן, ווען דער יצר טוט זיך זייער שטאַרקן איבער איהם, און ס'איז שווער פאַר איהם צו דינען דעם אויבערשטען, זאָל ער געדענקען אַז זיינע מעשים זענען חשוב 'כהרבה שעשו התנאים בזמניהם' - ווי פיל וואָס די תנאים האָבן געטוהן אין זייער צייט. דייקא יעצט שטייט דער אויבערשטער און איז מלמד זכות אויפ'ן מענטש, און ער דערנענטערט זיך גאָר שטאַרק צו איהם...

יעדער מענטש קען אויפגעהויבן ווערן, ווי אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט נאָכגעזאָגט ('קדושת מרדכי', ע' יז) אין נאָמען פון הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע, אויף דעם פסוק וואָס מיר האָבן ערשט זאת חנוכה געלייענט, אין דער פרשה פון די נשיאים (במדבר ז, נד) 'ביום השמיני נשיא לבני מנשה, גמליאל בן פדהצור'. האָט דער טאָלנער געזאָגט על דרך רמז, 'נשיא' איז פון לשון אויפהייבן ('נשיאות ראש'). 'בני מנשה' איז מרמז אויף די מענטשן וואָס שפירן אַז זיי זענען חלילה 'פאַרגעסן' (פון לשון פון פסוק (בראשית מא, נא) 'כי נשני אלוקים את כל עמלי'). די מענטשן וואָס מיינען אַז זיי האָבן חלילה נישט קיין האָפענונג, זיי זענען 'פאַרגעסן' ח"ו, קענען אויך האָבן אַ נשיאות ראש, אויב זיי וועלן זיך שטאַרקן צו זאָגן 'גמליאל' - 'גם לי א-ל', אויך איך האָב אַ באַשעפער, און מיין נשמה איז אַ 'חלק באלוקי ישראל'. פאַר אַזאַ איינעם ענטפערט דער אויבערשטער 'פדה צור' - אה, דער איד, לייזט מיך אויס (כביכול) פון גלות.

אַזוי זאָגט דער 'תפארת עוזיאל' (ליקוטים יקרים, תהלים), אויפ'ן פסוק (תהלים ל, יב) 'הפכת מספדי למחול לי'. די עבירות ווערן אָנגערופן 'מספד'. איז דער פסוק מרמז, אַז דער אויבערשטער מאַכט אַז די מצוות זאָלן ווערן איבערגעדרייט

פראַווען 'תיקון חצות', און וויינען איינער אויף דעם צווייטן'ס חורבן? עס איז דאָך געווען אַ צייט ווען מ'פרייט זיך. אויך איז שווער, פאַרוואָס האָט איינער געוויינט אויף דעם חורבן פון זיין חבר, און נישט אויף זיין אייגענעם חורבן?

**דריטנס**, איז שווער, ווי אַזוי האָט בנימין געוויינט אויף דעם חורבן פון משכן שילה וואָס האָט זיך געפונען אין דעם חלק פון יוסף. דער בית המקדש וואָס איז געשטאַנען אין דעם חלק פון בנימין, איז דאָך געבויט געוואָרן ערשט נאָך דעם חורבן פון משכן שילה?

**האָט** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער געענטפערט, די גאַנצע מכירת יוסף איז געקומען דורך קנאה און שנאת חינם. יוסף און בנימין האָבן דעמאָלס געזעהן אַז די שרעקליכע מידה וועט זיך נישט אָפּטוהן אַזוי שנעל פון די אידן, און אַז אויך דער בית המקדש וועט חרוב ווערן צוליב שנאת חינם (יומא ט:). דעריבער איז

---

צו מצוות. 'למחול לי' - פונקט אַזוי ווי ווען מ'טאַנצט, שטייט מען אויף איין אָרט, און דערנאָך דערווייטער מען זיך איינער פון צווייטן, און דאַן קומט צוריק נאָנט (ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אַזוי געטאַנצט אין פוילן), און אויך ווען זיי 'דערווייטערן' זיך, ווילן זיי דערנאָך צוריקקומען נענטער איינער צום אַנדערן. ממילא, הייסט עס נישט אַן אמת'ע 'דערווייטערונג'...

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש איז ווייט פון דעם אויבערשטען, אָבער ער וויל מיט אַלע כוחות צוריק ווערן נאָנט צו איהם, טוט דער אויבערשטער 'איבערדרייען דעם מספד', ווייל ער באַטראַכט דעם ריחוק אַזוי ווי אַ 'טאַנץ', וויבאַלד דער מענטש וויל זיך דאָך צוריק דערנענטערן צו דעם אויבערשטען.

דער מענטש דאַרף אָבער שטרעבן צו שטייגן העכער און העכער, ווי דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זצ"ל, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון תנא דבי אליהו (פכ"ב, ב) 'חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי'. עס איז באַקאַנט וואָס דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע (און אויך אַנדערע צדיקים) האָט געזאָגט: ווי אַזוי איז שייך אַז אונזערע מעשים זאָלן אָנרירן די מעשים פון אונזערע הייליגע אבות, פון וועמען מיר זענען ווייט 'כרחוק מזרח ממערב'? האָט דער רבי ר' בונם געענטפערט, אַז די כוונה פון די ווערטער מתי 'יגיעו' מעשי, איז, פון לשון 'נגיעה'. אונזערע מעשים זאָלן לכל הפחות האָבן אַ שטיקל ענליכקייט צו די מעשים פון די אבות.

צוויי אידן, 'ראובן' און 'שמעון', זענען געקומען צום הוסיאַטינער רבי'ן זי"ע. ראובן האָט געבעטן אַ ברכה פאַר עשירות, און שמעון האָט געבעטן אַ ברכה, ער זאָל זוכה זיין צו יראת שמים, און דער הוסיאַטינער האָט זייביידע אָנגעוואונטשן.

אַרויסגייענדיג פון הויז פונעם הוסיאַטינער רבי'ן, האָט ראובן זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי, און ווען ער איז אָנגעקומען צום אַדרעס וואו ער האָט געוואָלט אָנקומען, האָט ער דערלאַנגט דעם דרייווער אַ גרעסערן באַנקנאָט, פאַרלאַנגענדיג רעשט. האָט דער דרייווער געזאָגט, אַז ער האָט נישט ביי זיך גענוג געלט איהם צו געבן רעשט, און ער האָט דעריבער געפאָדערט ער זאָל איהם צאָלן מיט קליינגעלט. וויבאַלד ראובן האָט אָבער נישט געהאַט אויף זיך קיין קליינגעלט, איז ער פאַר אַ מינוט אַרויס פון טעקסי, און געוואָלט טוישן די גרעסערע מטבע אין אַ 'קיאָסק', וואו מ'האָט פאַרקויפט 'לאָטאָ' טיקעטס. ווען ער האָט געוואָלט טוישן דאָס געלט, האָט דער פאַרקויפער אינעם געשעפט איהם געזאָגט, אַז ער טוישט נישט קיין געלט... 'אויב דו ווילסט האָבן קליינגעלט', דאַרפסטו דאָ קויפן אַ 'לאָטאָ', און כ'וועל דיר געבן רעשט...

בלית ברירה, האָט 'ראובן' געקויפט אַ לאָטאָ, און עטליכע טעג שפּעטער האָט מען איהם איינגעמאָלדן די גוטע נייעס, אַז זיין 'טיקעט' האָט געוואונען אַ גרויסן סכום געלט, און ער איז געוואָרן אַן עושר מופלג. אַזוי אַז די ברכה פונעם הוסיאַטינער רבי'ן, האָט גע'פועל'ט 'אויפן אָרט', ממש 'תוך כדי דיבור'.

איז 'שמעון' צוריקגעקומען צום הוסיאַטינער רבי'ן זי"ע, און געפרעגט, פאַרוואָס האָט דעם רבינ'ס ברכה פאַר ראובן באַלד געהאָלפן, און די ברכה וואָס איך האָב געבעטן אויף יראת שמים, פאַרזוימט זיך... האָט דער הוסיאַטינער רבי איהם געענטפערט:

- אויב דו וועסט האָבן אַ ווילן צו זיין אַ ירא שמים, אַזוי ווי 'ראובן' האָט געהאַט אַ ווילן צו ווערן רייך, וועט אויך דיין ברכה מקויים ווערן...

דער אָנהייב פון זייער עבודה געווען מתקן צו זיין דעם חטא פון שנאת חינם, און צוליב דעם האָבן זיי געוויינט אויף דעם חורבן, כדי מעורר צו זיין אַז עס זאָל זיך אָפּטוהן פון זיי, און פון אידן בכלל, די שרעקליכע מידה פון שנאת חינם, און נאָך מער, יעדער איינער פון זיי האָט געוויינט אויף דעם חורבן פון זיין חבר, און נישט אויף זיין אייגענעם חורבן, ווייל דער תיקון פאַר שנאת חינם איז אהבת חינם[יג]. דער געוויין אויף דעם חורבן פון זיין חבר איז געקומען פון אהבת חינם.

**זייער** אהבת חינם איז גאַנגען אַזוי ווייט[יד], ביז יעדער איינער פון זיי האָט מסכים געווען אַז דער בית

---

**יג.** מורא'דיגע ווערטער, זאָגט דער מדרש (תנחומא, ה), רבי שמואל בר נחמן האָט געזאָגט, יוסף האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסע סכנה. אויב זיינע ברידער וואָלטן איהם דעמאָלס גע'הרג'עט, וואָלט דאָך קיינער אויף דער וועלט קיינמאָל נישט געוואוסט ווער ער איז געווען. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט יוסף געהייסן אַרויסנעמען יעדן איינעם פונעם צימער, 'הוציאו כל איש מעלי'? נאָר יוסף האָט געטראַכט ביי זיך, ס'איז בעסער איך זאָל חלילה אומקומען ח"ו דורך מיינע ברידער, אָבער איך וועל נישט פאַרשעמען מיינע ברידער פאַר די אויגן פון די מצריים.

דער מדרש ערקלערט דאָרט באריכות מיט וואָס יוסף האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ סכנה, און אויך 'כיון שהכירוהו, ביקשו להרגו' - וויבאַלד זיינע ברידער האָבן איהם דערקענט, האָבן זיי איהם געוואָלט הרג'ענען, ביז עס איז געקומען אַ מלאך און ער האָט זיי אויסגעשפרייט אויף אַלע פיר ווינקלען פונעם הויז. דאָס אַלעס דערפאַר ווייל יוסף האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט אומצוקומען, אַבי נישט צו פאַרשעמען זיינע ברידער פאַר די אויגן פון די מצריים.

אַזוי זאָגט דער של"ה הקדוש אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מה, טו) 'וינשק לכל אחיו ויבך עליהם. ראה כמה צריך האדם למחול ולהעביר על מדותיו'. זעה נאָר ווי ווייט דער מענטש דאַרף מוחל זיין און זיין אַ מעביר על מידותיו. 'כי הם חטאו נגד יוסף, ויוסף בכה ונישק אותם' - ווייל זיי האָבן געזינדיגט קעגן יוסף, און יוסף האָט געוויינט און ער האָט זיי געקושט, עכ"ל.

**יד.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מה, ד) 'אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה', זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (ד"ה 'אני יוסף'), יוסף האָט אויסגערופן צו זיינע ברידער, איר דאַרפט נישט חושש זיין, ווייל איך בין אייער ברידער יוסף. איך פיר זיך צו אייך מיט ברידערשאַפט, גלייך אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט. אויך האָט ער געזאָגט 'אחיכם אשר מכרתם', אַז אויך איר ווען איר האָט מיך פאַרקויפט, 'לא כהתה עין האחוה ממני' - האָט די ברידערשאַפט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן פון מיר.

זעהען מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך: די עצם מכירה, איז דאָך געווען אַ געפערליכע דערנידערונג פאַר יוסף, און עס האָט איהם גורם געווען גרויס צער אַז ער דאַרף זיך דערווייטערן פון זיין טאַטע יעקב, און אויפ'ן וועג האָט עס איהם אויך גורם געווען פאַרשידענע צרות. ער האָט געווען אין הויז פון פוטיפר, און ער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסן נסיון, און פון דאָרט צו די תפיסה פון 12 יאָר. פונדעסטוועגן, ערקלערט ער פאַר די וואָס האָבן איהם פאַרקויפט, אַז אין זיינע אויגן איז עס אַזוי ווי עס וואָלט קיינמאָל נישט פאַסירט...

מיר ווייסן דאָך אַז 'לא ניתנה תורה למלאכי השרת'. די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן פאַר די מלאכים, און ווער קען דען דערגרייכן אַזאַ מדריגה פון יוסף הצדיק. די תורה שרייבט דאָך אָבער נישט סתם סיפורי מעשיות אומזיסט ח"ו, נאָר צו לערנען פאַר די קומענדיגע דורות, אַז מ'זאָל וועלן זיך אָפּלערנען פון אונזערע הייליגע אבות און פון די שבטים. מיר דאַרפן כאָטש האָבן אַ קליינע נגיעה צו זייערע וועגן.

אין ירושלים, האָט פאַסירט אַ מורא'דיגע מעשה אַרום פערציג יאָר צוריק. אַ יונגערמאַן, עטליכע חדשים נאָך די חתונה, איז אַמאָל אַרויפגעקומען אין הויז פון זיין שווער. נאָר די שוויגער האָט זיך דעמאָלס געפונען אין הויז, און זי האָט זיך גענומען אָנשרייען דעם אידים, מיט די גרעסטע געוואַלדן... דער יונגערמאַן האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם שווער אַ פאַרשעמטער, און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען אין הויז פון זיין רבי'ן, הגה"צ רבי אליהו ראָטה זצ"ל ('איש אמונו' פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע), וואו ער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף דעם גרויסן 'חרון אף' וואָס ער האָט ערשט יעצט 'איבערגעלעבט' אין הויז פון זיין שוויגער.

האָט רבי אליהו ראָטה איהם געפרעגט אויב ער האָט שוין עמיצן דערציילט וועגן דעם בזיון וואָס זיין שוויגער האָט איהם יעצט פאַרשעמט, און ער האָט געענטפערט אַז ניין, ווייל ער איז גלייך אַהערגעקומען. האָט ר' אליהו

המקדש וואָס איז אין חלק פון זיין חבר, זאָל נישט חרוב ווערן, אפילו אויב צוליב דעם וועט דער בית המקדש נישט געבויט ווערן אין זיין חלק[טו]!

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (מד, כח) 'ויצא האחד מאתי, ואומר אך טרוף טורף'. זאָגט דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל (ד"ה 'ויצא'), 'טרף' איז פון לשון פרנסה ('טרף נתן ליראיו'), און מיר ווייסן דאָך אַז 'מחלוקת אחת[טז] דוחה מאה פרנסות' (של"ה מסכת יומא, דרך חיים, אות מד). אויף דעם איז דער פסוק מרמז, 'ויצא האחד מאתי' - אויב די מדה פון אחדות גייט אַרויס פון מיר, איך פיר זיך נישט מיט אהבת חינם צו אַ צווייטן. 'ואומר אך טרוף טורף', וועט דער 'טרף' - די פרנסה - 'פאַרציקט' ווערן ח"ו[יז].

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר' ('חתם סופר', פרשתינו, ד"ה 'והנה אמרו') דעם פסוק (תהלים קמז, יא) 'השם גבולך שלום חלב חיטים ישביעך'. עס זענען דאָ אַסאַך קלוגע מענטשן, וואָס ס'איז דאָ אַ 'גרעניץ' און אַן אָפּשטעל צו זייער חכמה. צום ביישפּיל, איינער וואָס ווען עס קומט איהם אונטער אַ נסיון אין דעם ענין פון כבוד, טוט זיין גאַנצע חכמה זיך אָפּטוהן פון איהם, און ער טוט זאַכן קעגן דעם שכל, 'למען כבוד שמו', מיט זיין נאַרישקייט, וועט ער זיך לאָזן פאַרשעמען פאַר אַביסל כבוד.

**אויך** זענען דאָ מענטשן וואָס זייער חכמה וועט זיי מיטשטיין, ביז עס קומט צו אַ מצב פון קנאה. דאַן וועט ער זיך אויפפירן ווי איינער וואָס האָט איבערהויפּט נישט קיין שכל.

---

איהם געזאָגט, מיט זיין חכמה און צדקות: שטעל זיך פאָר, אַז עס האָט דאָ גאָרנישט פאַסירט. דו האָסט בלויז גע'חלומ'ט, און איך וועל דיר 'פותר חלום' זיין: 'חלמא טבא חזית, חלמא טבא חזית'... גיי אַהיים, און פיר זיך אַזוי ווי גאָרנישט האָט פאַסירט, און ער האָט טאַקע אַזוי געטוהן.

צוויי וואָכן שפּעטער, איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין הויז פונעם שווער, 'באותו מקום ובאותו זמן'. יעצט, איז זיין שוויגער צוגעקומען צו איהם און איהם איבערגעבעטן פאַר דעם גרויסן צאָרן וואָס זי האָט אויף איהם אויסגעגאָסן צוויי וואָכן צוריק... האָט דער יונגערמאַן איר געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס זי רעדט... 'לא היה ולא נברא'... ווי עס ווייזט אויס, האָט די שוויגער געזעהן אַ שלעכטן חלום... עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע הפצרות פון די שוויגער אַז ער זאָל איר מוחל זיין, ווייל ער האַלט זיך ביי זיינעם, אַז 'לא דובים ולא יער', און 'חלומות שוא ידברון'... ער האָט אַפילו געברענגט אַ ראיה דערצו, ווייל אויב עס וואָלט יאָ פאַסירט אַזאַ זאַך, וואָלט דען מיין מאמע און מיינע בני בית דען נישט געוואוסט דערפון? אלא מאי, וויבאַלד קיינער ווייסט נישט דערפון, איז אַ סימן אַז עס איז נישט מער ווי סתם אַ בייזער חלום.

אַלזאָ די שוויגער האָט זיך באַרואיגט. אין לויף פון די יאָרן, זענען ביי דעם יונגערמאַן געבוירן געוואָרן נאָנט צו צוואָנציג קינדער בלי עין הרע, און פון זיי זענען אַרויסגעקומען אייניקלעך לרוב בלע"ה, אַלעס אין זכות פון דעם וואָס ער האָט געשוויגן און געהאַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט בשעת מעשה. 'וישמחו כי ישתוקו', ווייל נאָר אין זכות פון זיין שווייגן, האָט ער פאָרגעזעצט מיט'ן לעבן ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט, און ער האָט זוכה געווען צו זרע ברך ה'.

**טו.** מיט דעם, קען מען פאַרשטיין די ווערטער פון חז"ל (ברכות ה:) 'כל המשמח חתן וכלה, כאילו בנה אחת מחורבות ירושלים'. דער מענטש וואָס דערפרייט דעם חתן, איז דאָך מרבה אהבת חינם, און מיט דעם איז ער מתקן דעם עון פון שנאת חינם וואָס האָט גורם געווען צום חורבן הבית, ממילא, איז עס אַזוי ווי ער וואָלט צוריק אויפגעבויט די חורבות פון ירושלים וואָס זענען חרוב געוואָרן צוליב דעם חטא פון שנאת חינם.

**טז.** מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק היטן, און אַנטלויפן פון מחלוקת אפילו אויב מ'מיינט דערמיט 'לשם שמים', ווי צום ביישפּיל, ווען עס הערשט פּירוד לבבות צוליב אַ 'דרך' אין עבודת השם, וואָס איך האַלט אַז מיין וועג איז דער ריכטיגער, נישט יענעמ'ס.. ווי הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט געטייטשט (געברענגט אין ספר 'דברי ישראל'), דעם פסוק 'אל תרגזו בדרך', דער פסוק איז מרמז אַז מ'זאל נישט זיין ברוגז אויף דעם 'דרך' וואָס עס איז יאָ אָדער נישט ריכטיג אין עבודת השם...

**יז.** עמיצער פון די משפּחה פון הרה"ק רבי משה בצלאל אלתר זצ"ל הי"ד (דער יונגערער ברודער פון גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע), האָט זיך אָפּגערעדט פאַר איהם אַז דער מצב פון פרנסה אין שטוב איז שווער. האָט רבי משה בצלאל געזאָגט (וועלנדיג עס זאָל נישט אויסברעכן דערפון אַ מחלוקת חלילה):

- די ערשטע זאַך וואָס מיר דאַרפן זעהן איז, עס זאָל נישט נתעורר ווערן חלילה אַ קפידא און אַ מחלוקת, ווייל איין מחלוקת שטופּט אַוועק הונדערט פרנסות, און ממילא דאַרף מען זעהן מרבה צו זיין שלום און אחווה.

**אַן** ערליכער איד פירט זיך אַנדערש. ער האָט נאָר איין 'גרעניץ' פאַר זיין חכמה: ווען עס קומט איהם אונטער אַ נסיון אין דעם ענין פון שלום, און דארט וועט ער אַפילו טוהן זאַכן קעגן זיין חכמה, אַלעס כדי עס זאָל זיין שלום ושלוה צווישן אידן.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק: 'השם גבולך שלום'. איינער וואָס איז גרייט צו 'באַגרעניצן' זיין חכמה, ווען עס האַנדלט זיך וועגן 'שלום', אַז אידן זאָלן גוט לעבן איינער מיט'ן אַנדערן, איז זיין שכר: 'חלב חיטים ישביעך' - דער אויבערשטער וועט איהם משפיע זיין פרנסה בריווח, אפי' אויב עס איז אויף איהם נגזר געוואָרן חלילה אַז עס זאָל איהם פעלן פרנסה, ווייל די גמרא זאָגט (מו"ק כח.) 'מזונא לאו בזכותא תליא מילתא, כי אם במזלא תליא מילתא'. פרנסה, קומט לויט דעם מזל פון מענטש, און תוספות זאָגט (שבת קנו. ד"ה 'אין'), 'זכות גדול משנה המזל' - אַ גרויסער זכות, קען ענדערן דעם מזל פון אַ מענטש צום גוטן, און אַ 'גרויסער זכות' איז ווען מ'איז גורם עס זאָל זיין שלום בין אדם לחבירו.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: 'השם גבולך שלום', אַלס שכר פאַר דעם וואָס ער מאַכט אַ גרעניץ צו זיין חכמה, ווען עס רירט אָן דעם ענין פון שלום. 'חלב חיטים ישביעך', וועט ער זוכה זיין צו זיין זאַט מיט פרנסה בריווח[יח], און שפע ברכה והצלחה עד בלי די"ט.

**יח.** מענין לענין באותו ענין. מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל העובדה, דער אייגנטימער פון אַ באַקאַנטן האָטעל אין בני ברק. עטליכע יאָר צוריק איז געקומען וואוינען אינעם האָטעל אַ פּרוי, פאַר בערך צוויי וואָכן. זי האָט אַפילו אויסגעצאָלט דאָס געלט פון פאָראויס. ווען די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיגט, האָט די פרוי ווייטער דאָרט זיך אויפגעהאַלטן, און צוליב עפּעס אַ סיבה, האָבן די אַרבעטער אין אָפיס פונעם האָטעל, פאַרגעסן צו פאַרלאַנגען פון איר נאָך געלט פאַר די טעג וואָס זי איז דאָרט געבליבן וואוינען לענגער. זיי האָבן זיך דערמאַנט ערשט נאָך צוויי וואָכן, ווען די דירעקטאָרין פונעם האָטעל האָט געפאָדערט דאָס געלט, אָבער די פרוי האָט געענטפערט, אַז זי האָט נישט צו באַצאָלן אַפילו אַ פּרוטה. האָט די דירעקטאָרין איר געזאָגט, זי זאָל הייבן פיס און פעק, און זיך זאָפאָרט אָפּטראָגן פונעם אָרט, ווייל 'דאָ איז אַ האָטעל, נישט אַ בית התמחוי'.

דערציילט אונז ווייטער דער אייגנטימער פונעם האָטעל: 'איך בין דעמאָלס פונקט געשטאַנען און געהערט דעם גאַנצן געשפרעך צווישן די דירעקטאָרין און די פרוי, און דערנאָך האָב איך אויך געזעהן ווי די פרוי פאַרלאָזט טאַקע דעם האָטעל מיט אַלע אירע פעק, האָב איך רחמנות באַקומען אויף די פרוי, און איך האָב אויפגעהויבן צום הימל, זאָגנדיג: רבונו של עולם, וואָס דאַרף איך יעצט טוהן?... איך האָב צוגערופן די פרוי און איר געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ קרעכץ, אַז פאַר איר פרנסה, אַרבעט זי אַלס אַ 'נוירס' אין דעם 'שערי צדק' שפּיטאָל אין ירושלים, אָבער זי האָט געדאַרפט אַדורכגיין אַן אָפּעראַציע אויף אירע קניהען, און ווייסנדיג אַז זי וועט נאָך די אָפּעראַציע זיך דאַרפן געפינען אין אַ 'ריהעב' עטליכע וואָכן, האָט זי געענדיגט איר שכירות אין ירושלים, און זי האָט אומגעקערט איר דירה צום אייגנטימער. למעשה, האָט זי געהאַט די אָפּעראַציע אין 'תל השומר' שפּיטאָל, און נאָך צוויי וואָכן האָט מער איר אַוועקגעשיקט פון דאָרט (מ'האָט זי דאָרט נישט געלאָזט בלייבן אויף רעהאַביליטאַציע, זיך צו ערהוילן נאָך די אָפּעראַציע), און זי האָט דאָ געפונען דעם נאָנטסטן האָטעל צום 'תל השומר' שפּיטאָל, און דערפאַר איז זי געקומען אַהער אויף צוויי וואָכן צייט, ווייל געלט אויף צוויי וואָכן האָט זי געהאַט צו צאָלן, נישט מער... זי איז געבליבן דאָ אין האָטעל צוויי וואָכן לענגער, וויבאַלד מ'האָט איר נישט געמאָנט דאָס געלט, אָבער יעצט, אַז מ'האָט זיך דערמאַנט פון איר, ווערט זי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

האָט דער יונגערמאַן איר געזאָגט: איך בין דער אייגנטימער פון אַ 'נוירסינג האָום' אויפ'ן צווייטן שטאָק פון דער האָטעל-געביידע, ממילא, וויבאַלד דו ביזט אונז שולדיג אַ סומע פון דריי טויזנט שקלים, איז מיין עצה, דו זאָלסט אַרויפגיין אין דעם נוירסינג האָום, וואו דו וועסט קענען אַרבעטן אַלס אַ 'נוירס', און לויט דיין געהאַלט, וועלן מיר אַראָפּרעכענען פאַר דעם חוב וואָס דו ביזט אונז שולדיג. דערוויל וועסטו קענען פאַרדינען אַז דו וועסט האָבן וואו צו וואוינען. אָבער היינטיגע וואָך, האָבן מיר נישט פאַר דיר קיין אַרבעט, ווייל אַלעס איז שוין אויסגעשטעלט לויט'ן סדר פון די אַרבעטערס, נאָר קומענדיגע וואָך וועסטו קענען געהעריג אָנפאַנגען אַרבעטן ביי אונז.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט דער טעלעפאָן פון דעם אייגנטימער פונעם 'האָום' זיך צעקלינגען. פון דער

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו דעם ושעה, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו זעהן, בשוב ה' אור פון אמונה, יהי ה' אלוקינו עמנו בכל עת שבות עמו, מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

---

אַנדערער זייט פונעם טרייבל, זענען געווען די מענטשן פון געזונטהייט מיניסטעריום, וועלכע האָבן איהם איינגעמאָלדן אַז דער גאַנצער שטאַב פונעם 'האומ' דאַרפן אַריינגיין אין איזאָלאַציע ('בידוד'), ווייל זיי האָבן זיך געפונען נאָנט צו אַ קראַנקן (דאָס איז געווען ביים אָנהויב פונעם אויסברוך פון דער 'קאָראָנאַ' מגיפה ל"ע, ענדע חודש אדר תש"פ), און אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן די וואונדער פון דער השגחה עליונה, ווייל דאַן האָט דער יונגערמאַן תיכף זיך פאַרבונדן מיט דער דערמאנטער פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס אַ הויפּט 'נוירס' אין 'אינטענסיוו קעיר יוניט' אין שפּיטאָל, און אַזוי האָט ער אַרויפגעלייגט אויף איר די גאַנצע אחריות פאַר'ן 'האָום', מיט אַלע פופציג איינוואוינער דאָרט, אין לויף פון צוויי וואָכן צייט, צוגעבנדיג אַ באַדינג, אַז אויב מ'וועט זיך נויטיגן אין איר הילף, קען מען איר אַפילו אויפוועקן פון שלאָף.

זאָגט דער יונגערמאַן: מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט פאַסירט מיט אונז אויב מיר וואָלטן נישט געהאַט די 'ישועה', ווייל פון וואו וואָלט איך גענומען אַ 'נוירס' פאַר די אַלטע לייט פונעם האום, אין יענע שווערע טעג פון דער מגיפה, און דאָס אַלעס, אין זכות פון די מצוה פון הכנסת אורחים וואָס איך האָב זוכה געווען אָפּצוהיטן לפנים משורת הדין.

**יט.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'בית יעקב' (לאב"ד אלכסנדר, אַ תלמיד פון רבי'ן ר' בונם זי"ע פון פשיסחא), אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן, דער רבי ר' בונם, אַז אויב אַ מענטש האָט צער גידול בנים ל"ע, איז אַ סגולה דערצו, ער זאָל זיך היטן פון מחלוקת, און ער זאָל זיין אַ רודף שלום, און זיין פון די וואָס זענען 'נעלבין ואינם עולבין', און ער וועט פטור ווערן פון יעדן צער.